ובדרך פשוט יש לפרש ענין המריבה שבין הגרים, על פי דברי האוה"ח הק', דכשלון המרגלים אף שהיו צדיקים, זה היה עבור כי המשלחים היתה כוונתם לרעה, ועי"ז נולד גם בהשליחים תכונה רעה, דשלוחו של אדם כמותו

איין פְּשַט קען זיין, [לויט] דעס וואָס איך האָב געזאָגט נעכטן[טו], [דעס וואָס] ער זאָגט דאָך דער **אור החיים הקדוש**[טז], אַז ס'איז געווען אַ תְּכוּנָה רָעָה, אַ תְּכוּנָה רָעָה

---

עליהם בכ"ד מקומות שלא להונות אותם, ואי אפשר שלא יצערום. ○ **ויש מפרשים, לפי שעל ידי הגרים ישראל בגלות**, כדאמר (פסחים שם) **מפני מה ישראל מפוזרים בכל ארצות יותר משאר עובדי כוכבים, כדי שיתוספו עליהם גרים**. ○ **ולא נהירא**, דהא אמר ביבמות (מז.) **נכרי הבא להתגייר אומרים לו מה ראית שבאת להתגייר**, תדע שישראל דְּוּוּיִים דחופים, ואמרינן התם (מז:) משום דיפרוש הוא, **דאמר מר קשין גרים לישראל כספחת**. אלמא דבתר שיתגיירו קשים הם. ○ **והרבי רבי אברהם גר פירש, לפי שהגרין בקיאין במצות ומדקדקין בהם**, קשים הם לישראל כספחת, דמתוך כן הקב"ה מזכיר עונותיהם של ישראל כשאין עושין רצונו. **וכהאי גוונא** מצינו גבי הצרפית (מלכים א' יז, יח) שאמרה מַה לִּי וָלָךְ אִישׁ הָאֱלֹקִים (כי) בָּאתָ אֵלַי לְהַזְכִּיר אֶת עֲוֹנִי, שמתוך שהוא צדיק גמור היה נראה לה שמזכיר ה' עונה. ○ **ור"י פירש דלפיכך קשים**, שנטמעו בישראל, ואין השכינה שורה אלא על משפחה מיוחסת. וכן נראה דמשום הכי מייתי הא דרבי חלבו על הא מילתא דרבי חמא בר חנינא (דלעיל בגמרא שם).

[יד] **בגמרא יבמות** (מז:): **אמר מר גר שבא להתגייר, אומרים לו מה ראית שבאת להתגייר, ומודיעים אותו מקצת** מצות קלות ומקצת מצות חמורות [פירש"י: דהשתא על ידי טבילה הוא נכנס לכלל גירות, הלכך בשעת טבילת מצוה צריך לקבל עליו עול מצות], **מאי טעמא, דאי פריש** [שלא יתגייר] **נפרוש** [ולא איכפת לן], **דאמר רבי חלבו, קשים גרים לישראל כספחת, דכתיב וְנִלְוָה הַגֵּר עֲלֵיהֶם 'וְנִסְפְּחוּ' עַל בֵּית יַעֲקֹב** [לשון ספחת, שאוחזין מעשיהם הראשונים, ולומדים ישראל מהם, או סומכין עליהם באיסור והיתר]. **ועוד בגמרא שם** (קט:): **אמר רבי יצחק, מאי דכתיב** (משלי יא, טו) **רַע יֵרוֹעַ כִּי עָרַב זָר** [פירש"י: המערב זרים גרים בישראל וכו'], **רעה אחר רעה תבא למקבלי גרים וכו'. מקבלי גרים, כרבי חלבו דאמר רבי חלבו קשים גרים לישראל** [שאין בקיאין בדקדוקי מצות, ולמדין ישראל ממעשיהן] **כספחת** [לישנא דקרא נקט, וְנִלְוָה הַגֵּר עֲלֵיהֶם 'וְנִסְפְּחוּ' עַל בֵּית יַעֲקֹב].

[טו] בסעודת ליל שב"ק. ונדפס **בדברי יואל** בפרשתן (מן עמוד שס, עיי"ש בקושיא א, ובעמוד שסג ד"ה וכענין וד"ה ובאמת).

[טז] **באור החיים הק' ריש שלח** (יג, ב): **שְׁלַח לְךָ אֲנָשִׁים וגו'. צריך לדעת אומרו 'לְךָ', ורבותינו ז"ל אמרו** (סוטה לד:) לדעתך, אני איאנשי ני מצוך וכו'. וקשה למה יסכים ה' על הרעה אשר דיבר לעשות עמו, ויופיע מאמרו על עצת רשעים. ○ **ולהבין הענין, אעיר בדבר, מבטן מי יצא הקר"ח הרעה הגדולה הנסבבת מהמרגלים. אם מצד המעשה, אין בו רע, כי הלא מצינו** (יהושע ב, א) **שכמו כן שלח יהושע ב' אנשים מרגלים וירגלו הארץ, אם כן אין**

איז גאָר אינגאַנצן[יז] געווען [מה שגרם לכשלון המרגלים], **אַ תְּכוּנָה רָעָה פון די ׳מְשַׁלְּחִים׳** [דהיינו העם והדור].

[ווייל] לעולם [קשה], ווי ער פרעגט די קַשְׁיָא, וויאַזוי זענען זיי [המרגלים עצמן] עפּעס אַזוי פאַרדאָרבן געוואָרן [והרי מתחילה היו צדיקים גמורים, ונבחרו על פי ה׳. ולתרץ זה] זאָגט ער, ווייל ס׳איז געגאַנגען [על ידי בקשת העם שישלחו מרגלים], **און אידן** [המשלחים אותם] האָבן אַריינגעברענגט אַ תְּכוּנָה רָעָה [בהם, על ידי שהתכוונו לרעה בבקשת מרגלים], און שְׁלוּחוֹ שֶׁל אָדָם כְּמוֹתוֹ [של המְשַׁלֵּחַ, ולכן] ווייל מ׳האָט זיי ׳געשיקט׳ מיט אַ שלעכטע כַּוָּנָה [הכניסו בתוך ׳הַשְּׁלִיחִים׳ תכונה רעה].

קי

אמנם לכאורה גם המשלחים היו דור דיעה וכולם קדושים, והאיך נולד מהם תכונה רעה. ועל כרחך דהכוונה על ׳הָעֵרֶב רַב׳ שהם הם ׳הגרים׳ שהיו עמהם במדבר

[אמנם] לכאורה די זעלבע קַשְׁיָא [שהקשה באור החיים הק׳ על המרגלים] **איז אויפן דוֹר** [שהם ׳המשלחים׳], ס׳איז אַ דוֹר דֵּעָה [געווען, און] וואו קומט [דאָס אַז] **דאָס דוֹר הַמִּדְבָּר** זאָל ׳שיקן׳ מיט אַ שלעכטע כַּוָּנָה, איבערהויפּט אַזאַ שלעכטע כַּוָּנָה.

קיא

נאָר וואָס דען, ס׳איז געווען **דאָס עֵרֶב רַב** אויך אינדערמיט.

[און] הגם דער אור החיים הקדוש זאָגט[יח] אַז דאָס עֵרֶב רַב איז געבליבן אין די מִדְבָּר, זיי זענען נישט אַריין קיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

אָבער אף על פי כן, דעמאָלטס [בשעת המרגלים] זעט אויס[יט] זענען זיי נאָך געווען.

---

הדבר מכוער מצד עצמו. ואם מצד האנשים המרגלים שהיו רשעים, הלא מצינו שנבחרו על פי ה׳ הבוחן לבות וכליות, והעיד הכתוב עליהם (שלח שם, יג) **כּוּלָּם ׳אֲנָשִׁים׳, שהם צַדִּיקִים.** ○ אכן יתבאר הדבר על פי דבריהם ז״ל (בילקוט שמעוני) שאמרו וז״ל, בתחילה נתקבצו אצל משה לשלוח המרגלים, ולא רצה, ואמר להם כבר הבטיחנו ה׳. ואמרו לו כי העמים יודעים בנו שאנו באים לירש אותם, והם מטמינים את ממונם, וכשיגיעו ישראל לא ימצאו כלום, ונמצא דברי ה׳ בטל ח״ו. ואז (דברים א, כג) וַיִּיטַב הַדָּבָר בְּעֵינַי משה וכו׳. ○ **או אפשר, לצד שכוונת ׳הַמְּשַׁלְּחִים׳ היתה רעה, תפעיל פועל הרע ׳בשליח׳, ויחזור להיות שְׁלוּחוֹ שֶׁל אָדָם כְּמוֹתוֹ, וְיִוָּלֵד בו תְּכוּנָה רָעָה מה שלא היתה בו קודם, כדרך שֶׁתִּוָּלֵד בחינת הַקְּדוּשָּׁה בשלוחי מצוה לטובה אות. ולזה הגם שהיו צַדִּיקִים, בהתחלתם עשות ההליכה לְרַגֵּל, נולד בהם תְּכוּנָה רָעָה מכח הַמְּשַׁלְּחִים, וְיָעֲצוּ להדיח.**

[יז] פירושו כענין ׳בלויז׳, שזה לבד הוא שגרם.

[יח] **באור החיים הק׳** כי תשא (לב, יא): **לָמָה ה׳ יֶחֱרֶה אַפְּךָ בְּעַמֶּךָ אֲשֶׁר הוֹצֵאתָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם.** על פי דבריהם ז״ל (שמו״ר מב, ו) שאמרו שערב רב לבד עשו את העגל, והוא אומרו (תשא שם, ז) שִׁחֵת עַמְּךָ וכו׳. וממוצא דבר אתה יודע, כי הסכים על הַשְׁמָדַת ערב רב, ואולי כי זה דייק באומרו ׳אֲשֶׁר הוֹצֵאתָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם׳, ולא ערב רב שמעצמם יצאו. ○ **ונראה כי כל ערב רב שהיו אז מתו, שאפילו פִּטְרוֹן שֶׁקִּבְּלָם הסכים על כְּלָיָתָם.** וגם אין לו פנים לבקש רחמים עליהם, אם על קבלתם נענש וכו׳. גם אין להם זכות אבות, וטענות שהזכיר משה בטענתו.

[יט] ועיין בזה באורך בדברי רבינו בס״ג **נצבים וילך תשט״ז** (לשון קדשו קונטרס רנב, אות סו-ע), ובס״ג **תרומה תשי״ז** (לשון קדשו רכז ח״ב, אות ל-לב), ועוד.

וז״ל רבינו בס״ג **בשלח תשכ״ז** (לשון קדשו רצ ח״ב): **בֶּאֱמֶת איז מיר אייביג קָשֶׁה געווען, ׳וואָס׳ האָט זיך געטון מיט דעם עֵרֶב רַב** [בשעה שנכנסו ישראל לארץ. והלא] זיי זענען דאָך געווען אַסאַך מער פון ׳אידן׳, אַזוי שטייט דאָך. און אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל האָט מען פאַרטיילט [בנחלה, רק לבני ישראל]. ס׳שטייט דאָך אין די פסוקים יעדעס שֵׁבֶט וואו ס׳איז געווען [זיין נחלה, ובזה נכלל כל ארץ ישראל. ואינו מבואר בפסוקים ובדברי חכז״ל] ׳וואו׳ זענען געווען דאָס עֵרֶב רַב. זיי זענען דאָך נישט געווען [בכלל חלוקת הארץ בגורל], אין די שְׁבָטִים האָט מען דאָך נישט זיי אַריינגענומען, און ׳וואו׳ זענען זיי געווען [בארץ ישראל]. ○ [נאָר דערנאָך] **האָב איך געזען דער אור החיים הקדוש זאָגט אויף אַ פּלאַץ, אין פרשת כי תשא,** אינדערמיט [בתוך הדברים] **זאָגט ער אַז דאָס עֵרֶב רַב זענען אַלע געבליבן אין די מִדְבָּר, זיי זענען נישט געגאַנגען קיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.** [וביאר שם הטעם בזה, ווייל] דעס וואָס ער [משה] האָט מִתְפַּלֵּל געווען פאַר אידן נאָכ׳ן חֵטְא הָעֵגֶל [להצילם מיד כלייה, דעס] איז נאָר פאַר זיי [אידן] געווען, [אָבער] ער האָט נישט מִתְפַּלֵּל געווען פאַרן עֵרֶב רַב, און זיי זענען געווען צוביסלעך [מֵתִים וְכָלִים במדבר]. ○ אויפן אָרט [תיכף לאחר העגל] זענען זיי נאָך געווען, זעט אויס. [און] אין זוהר הקדוש (ויקהל קצה.) **זעט אויס** [אַז]

KolSatmar.com

קיב

[און] דָּתָן וַאֲבִירָם איז אויך נאָך געווען דעמאָלטס, אפילו שפּעטער נאָך אויך, ביי קֹרַח׳ן איז דאָך [נאָך] געווען דָּתָן וַאֲבִירָם.

קיג

יהיה איך שיהיה, איז דאָך טאַקע דאָרטן געווען דאָס עֵרֶב רַב [וואָס זיי] זענען מיטגעגאַנגען [עמהם במדבר], און זיי האָבן אויכעט אַריינגערעדט. און זיי [המרגלים] זענען געוואָרן שְׁלוּחִים פונעם עֵרֶב רַב.

קיד

ועל כן כשנחמם ועסקו בדברי תורה, זכו לראות האמת, שטעותם נצמח להם על ידי הערב רב שהם הגרים. ועל כן באותה שעה נעשה מריבה גדולה ביניהם. עד שאמר להם הקב״ה שיש ביניהם גם גרים טובים כאברהם, ועל כן צריכין לקבלם

איבערדעם קאָן זיין.

זיי זענען געבליבן אין די מִדְבָּר, און זיי האָבן דאָך אַלע, זיי האָבן עוֹסֵק געווען בְּתּוֹרָה[כ], האָבן זיי דאָך געזען דעם אֱמֶת, אַז דאָס אַלעס איז געווען דורכן עֵרֶב רַב, [שבסיבתם נכשלו המרגלים, ונגזר עליהם שישארו במדבר. ולכן] איז געוואָרן אַ מְרִיבָה בין ישראל לבין ׳הגרים׳ [והכוונה על ׳הערב רב׳, שהרי] דעמאָלטס איז דאָך נישט געווען קיין אַנדערע גֵּרִים, נאָר דאָס עֵרֶב רַב.

איז געוואָרן אַ מְרִיבָה [בינם ובין הערב רב].

קטו

ביז הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא האָט געזאָגט, פאַרפאַלן, ס׳איז דאָ אַסאַך ערליי גֵּרִים, ס׳איז דאָ אַזוי ווי אברהם אבינו, און ס׳איז אָבער דאָ אַזעלעכע גֵּרִים וואָס זענען טאַקע ווי די גוים. אַזוי ווי דער מדרש זאָגט[כא].

---

זיי זענען נאָך געווען שפּעטער אויכעט [במשך המ׳ שנים במדבר]. אָבער צוביסלעך זענען זיי געבליבן [דאָרט אין די מִדְבָּר], זיי זענען נישט מיטגעגאַנגען קיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

[כ] וכמו שאמר הקב״ה לנחמם בדברי תורה. ובזה מובן שייכות דברי המדרש, במה שמסיים שעה׳ נעשה מריבה בינם ובין הגרים.

[כא] ועיין עוד בדברי רבינו בס״ג בהעלותך תשכ״ג וז״ל: היצט לאָמיר׳זשע זען, אין דעם כלל פון ניצוצים הקדושים זענען טאַקע די גֵּרִים אַליין, ס׳איז דאָ נשמות אַזאָלעכע וואָס זענען אינגאַנצן מִיִּשְׂרָאֵל, דאָס איז אויך פאַרדעם. און דער אֱמֶת, ווי די גמרא זאָגט דאָך [אַז] לעולם אין מקבלים גרים, מ׳האָט זיי איבערדעם געמאַכט שוועריגקייטן, בשביל שקשים גרים לישראל כספחת, און אַמאָל זעט מען אַז מ׳הייסט טאָן כל הפעולות ס׳זאָל צוציען גרים, ווייל דאָס איז דאָס גאַנצע [סיבת הגלות], דעס גאַנצע גלות איז געווען בשביל שיתוספו עליהם גרים, אַזוי זאָגט דאָך די גמרא אין פסחים וכו׳. ○ נאָר אָבער דער אֱמֶת איז אַזוי טאַקע, ס׳איז דאָ אַזאָלעכע גרים וואָס זענען נְפָשׁוֹת קְדוֹשׁוֹת, די נְשָׁמוֹת [וואָס] זענען געווען געפאַנגען געוואָרן, גרים מינן נידחי (עשרה מאמרות מאמר אם כל חי ג׳ ח׳), איבערדעם קומען זיי היצט צוריק. אָבער נישט אַלעס איז אַזוי, ס׳איז דאָ אַזעלעכע וואָס זיי טויגן נישט, [און] די דאַרפן נאָר צוריקקומען אויף אַ צייט, און מ׳נעמט פון זיי אַרויס ניצוצים הקדושים מיט דעם וואָס זיי זענען צווישן אידן, און זיי זענען חוזרים לסורם. דאָס קאָן מען נישט וויסן [מתחילה], ס׳איז דאָ אַזעלעכע וואָס מ׳ווייסט נישט דעם אֱמֶת, מוז מען פּרובירן, [און] טאָמער טויג עס נישט גייט עס נישט [שהם פורשים, און אויב] איז עס דער אֱמֶת פון ׳די׳ [דמינן נדחו] וועט מען אים נישט קאָנען מרחק זיין, וועט ער נאָר קומען, איבערדעם מוז מען מאַכן די פּראָבע, מ׳זאָל וויסן אַז ס׳איז דעס. ○ די גמרא זאָגט (יבמות קט:) [אַז] גרים מ׳זאָל נישט אַריינעמען [תיכף, ווייל] מ׳דאַרף וויסן אַז ער איז לשם שמים. פרעגט דאָרט תוספות פון דעם וואָס שטייט ביי הלל׳ן (שבת לא.) [אַז] איינער איז געקומען זיך מגייר זיין על מנת שתעשיני כהן גדול, האָט ער אים מגייר געווען, ער האָט אים נישט מרחק געווען, [נאָר] ער האָט אים צוביסלעך אויסגעלערנט [ביז] ער איז געקומען דערויף און ער האָט נאָכגעלאָזט [מלרצות להיות כהן גדול], און ער איז געוואָרן א גר צדק. פרעגט תוספות דאָרט וויאַזוי האָט ער געמעגט. ענטפערט תוספות, ווייל ער האָט געוואוסט אַז שפּעטער וועט ער וועלן [אַזוי אויך]. נאָר אַזוי סְתָּם קָאן מען דאָך נישט וויסן, [אמנם הלל] ווייל ער האָט געוואוסט וואָס ס׳וועט זיין שפּעטער, איבערדעם האָט ער אים געמעגט [מקבל זיין], אַזוי זאָגט תוספות וכו׳. [ועיי״ש עוד]. [וע״ע בדברי יואל יתרו (ע׳ מ-מא), בהעלותך (ע׳ רפג), וכי תצא (עמוד קמא). ובשו״ת דברי יואל ([illegible] סימן צ), ובויואל משה (ב, עח. ד״ה וביבמות)].

KolSatmar.com

קטז

**ישוב קושיא ט (באופן שני)**

ולדרכינו לעיל יש לומר עוד, דהמריבה בינם ובין הגרים היה על שראו
שיצטרכו עוד לסבול הרבה גליות עבור הגרים, עד שיזכו לביאת הארץ דלעתיד

**אָדער קען זיין, טאַקע לְדַרְכֵּנוּ וואָס איך האָב פריער געזאָגט** (באות קה-קז). **דאָס גָלוּת איז דאָך געווען וועגן דעם, שיתוספו עליהם גֵרִים.**

**דער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים האָט זיי טאַקע מְנַחֵם געווען מיט דִבְרֵי תּוֹרָה, אַז ס'וועט מיטגיין קיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. אָבער וואָס ליידט מען אַזויפיל** [בגלות] **ביז דעמאָלטס, זאָגט דאָך די גמרא כדי שיתוספו עליהם גֵרִים.** [ולכן] **האָט זיי זייער ווי געטון פאַרוואָס מ'ברויך האָבן די גֵרִים, פאַרוואָס זאָל מען אַזויפיל סוֹבֵל זיין וועגן דעם, כדי שיתוספו עליהם גֵרִים.**

קיז

**דאָס קאָן זיין דער פְּשַׁט.**

**מ'האָט זיי טאַקע מְנַחֵם געווען 'עתידין'** [בתי כנסיות ומדרשות ליקבע בארץ ישראל], **אָבער** [דערווייל איז דאָך] **דעס, די אֲרִיכוּת הַגָלוּת** [שסיבתה] **וועגן די גֵרִים** [שיתוספו עליהם. ועל זה כָּאַב לבם, ולכן] **באותה שעה נעשה מריבה גדולה בינם ובין הגרים, איז געוואָרן די מְרִיבָה טאַקע וועגן דעם, טאַקע וועגן די שיטה פון די גֵרִים איז געוואָרן אַ מְרִיבָה.**

קיח

ועל זה השיב להם הקב"ה, דאמנם יש הרבה מיני גרים, ויש הכרח שיתבררו כולם, עד שיזכו לתיקון השלם לעתיד

**האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט, אַז דאָס מוז זיין,** [ווייל] **ס'איז דאָ אַלע ערליי** [גרים], **ס'איז טאַקע דאָ גֵרִים אַזוי ווי גוֹיִם בעונינו הרבים, ס'איז אָבער דאָ גֵרִים אַזוי ווי אברהם אבינו אויך, ס'איז אָבער דאָס אויך דאָ,** [ולכן] **קען מען דאָס נישט** [מבטל זיין] **די גאַנצע שיטה. איבערדעם מוז זיין חֻקָּה אַחַת לָכֶם וְלַגֵּר הַגָּר אִתְּכֶם, קען מען דאָס נישט 'פאַלן לאָזן', די בְּחִינָה אויכעט.**

קיט

**נאָר** [לויט] **ווי דער אר"י הקדוש זאָגט דאָך**[כב]**, אַז די 'גֵרִים'** [שאמרו בגמרא דיתוספו עליהם בגלות] **מיינט מען גאָר ניצוצין הקדושים וואָס מ'נעמט אַרויס, און ס'איז נישט**

---

[כב] **עיין בשער המצות פרשת ראה** (בביאור מצות זכירת יציאת מצרים)**: גם נודע מה שנתבאר אצלינו בטעם שְׁכִינָה בְּגָלוּת, מה עניינו, כי הנה הסיבה היא שעל ידי חטא אדם הראשון עירב טוב ברע, וכל הנשמות של קְדוּשָׁה נפלו לתוך הקליפות, הם שבעים, כנגד ע' אומות, וצריכין ישראל לְגָלוּת בין כולם, כדי לְלַקֵּט הנשמות שנפלו בתוך כל קליפה שבהם, וכאשר יגמר לקיטת כל הנשמות מן הע' אומות, אז הוא זמן דמטו רגלין ברגלין הנזכר בפרשת פקודי** (בזוהר, דף רנח.)**, ואז יתקיים מקרא דכתיב** (ישעי' כה, ח) **בִּלַּע הַמָּוֶת לָנֶצַח כו'. ○ וזהו סוד כִּי כְּאַרְבַּע רוּחוֹת הַשָּׁמַיִם** [פֵּרַשְׂתִּי אֶתְכֶם] **כו'** (זכרי' ב, י) [הנזכר בגמרא תענית ג: ועבודה זרה י:]**, כי הוצרכו ישראל לילך בגלות בכל ד' רוחות השמים, בכל ע' אומות. ואין צורך שכולם יחד יגלו בין כל אומה ואומה, אמנם כיון שאיש אחד מישראל לבדו גלה באיזה אומה, נחשב כְּאִלּוּ כל ישראל גלו. וכמו שאדם הראשון פָּגַם בכל העולמות, לכן כשנפלו ממנו הנשמות הכלולות בו אל הקליפות, נתערבו בד' רוחות העולם אשר מכולם נטל עפרו כנודע, וכל אחד מע' שרים של אומות העולם שהם כללות הקליפות כולם, כל אחד לקח חלקו. ואותם הנשמות אין כח בהם לצאת משם אלא בכח מִצְוֹת וּתְפִלּוֹת ישראל, והם מבררין אותם מתוך הקליפה, ומוציאים אותם משם, ומעלים אותם למעלה בבחינת מ"ן כנודע, וכל זה על ידי תפלתם של ישראל וכו'.**

**ולפי זה כתב בשער הפסוקים** (ריש פרשת שמות)**: כבר נתבאר בפרשת ראה במצות זכירת יציאת מצרים, סיבת הגלות שגלו ישראל בין האומות, מה עניינם. ואמרנו, כי אדם הראשון היה כולל כל הנשמות, והיה כולל כל העולמות. וכשחטא, נפלו ממנו כל הנשמות ההם לתוך הקליפות, הנחלקות לשבעים אומות, וצריכים ישראל לגלות שם בכל אומה ואומה, ללקט שושני הנשמות הקדושות, שנתפזרו תוך הקוצים ההם. וכמו שאמרו חז"ל** (פסחים פז:)**, לָמָּה גָּלוּ יִשְׂרָאֵל בֵּין הָאוּמּוֹת, כְּדֵי שֶׁיִּתּוֹסְפוּ עֲלֵיהֶם 'גֵּרִים' וכו', והבן זה היטב.**

נאָר גֵרִים ממש[כג]. [לפי זה יש עוד בחינה של גרים. וגם נמצא דסיבת הגלות אינו בשביל הגרים ממש לחוד, כמו שחשבו ישראל, אלא הכוונה על ניצוצי הקדושה דיש בזה הכרח לצורך התיקון השלם. ויש בזה תירוץ על מה שנתרעעו ישראל על הגרים ממש][כד].

קכ

על כל פנים ס׳איז דאָ אַלע בְּחִינוֹת [בענין הגרים], ס׳איז דאָ ׳אַזוי׳ און ׳אַזוי׳.

[און] ׳אַלע׳ [איז] אֱלֹקִים חֲשָׁבָהּ לְטֹבָה[כה] (ויחי נ, כ), [און] לֶעָתִיד וועט מען פאַרשטיין אַלעס, פאַרוואָס ס׳ברויך אַזוי צו זיין, אפילו [דעס] וואָס מ׳פאַרשטייט נישט היינט, [כי הם] לְמַעְלָה מֵהַשָּׂגָתֵנוּ דַּרְכֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ.

אַוודאי צַדִּיק ה׳ בְּכָל דְּרָכָיו (תהלים קמה, יז), אָבער אונז פאַרשטיי מיר נישט אַלעס. אָבער דאָס איז עס, דאָס איז דאָס תמצית דערפון. אונז זעה מיר [נאָר] וואָס ס׳שטייט אין דברי חכמינו ז״ל, און אין ספרי הקודש.

[און] דער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים האָט שוין געזעהן [והשיב להם לדור המדבר, אַז] דאָס ברויך אַזוי צו זיין. [ועל זה רומז גם מה שנאמר להם בפרשה זו] כִּי כְבָר ׳רָצָה הָאֱלֹקִים׳ אֶת מַעֲשֶׂיךָ.

קכא

**ישוב קושיא ח (באופן שני)**

ובזה יבואר עוד כוונה במה שנחמם בדברי תורה, דהכוונה על מה שגילה להם בסוד הגרים. ושכן הוא רצון השם, וכמו שדרשו כאן גם הפסוק כְּבָר ׳רָצָה הָאֱלֹקִים׳ אֶת מַעֲשֶׂיךָ

דער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים האָט זיי געזאָגט [ביאור בענינים אלו], ער האָט זיי איבערדעם מְנַחֵם געווען בְּדִבְרֵי תּוֹרָה [ממה שגילה להם קצת בסודות אלו, אַז כאָטשיג] טאַקע קָשִׁים כְּסַפַּחַת, [שעל זה נעשה] מְרִיבָה בֵּין יִשְׂרָאֵל וּבֵין הַגֵּרִים, אָבער ס׳איז דאָ העכערע עִנְיָנִים. דאָס ברויך אַלעס צו זיין אַזוי, דאָס איז דער רָצוֹן הַשֵּׁם ברוך הוא, [וכנרמז במה שנאמר להם הפסוק כִּי כְבָר ׳רָצָה הָאֱלֹקִים׳ אֶת מַעֲשֶׂיךָ].

קכב

**הקדמה לישוב קושיא ז (באופן שני)**

ובמה שנאמר בלשון עבר כִּי ׳כְבָר׳ רָצָה הָאֱלֹקִים, יש לומר עוד, בהקדם דברי רש״י בפסוק אַךְ בַּה׳ אַל תִּמְרֹדוּ, ׳ושוב׳ וְאַתֶּם אַל תִּירְאוּ אֶת עַם הָאָרֶץ. שהוסיף מלת ׳ושוב׳, ולכאורה מהו הכוונה בזה

מ׳קאָן ׳נאָך׳ מְרַמֵּז זיין, אין דעם וואָס דער מדרש זאָגט [בהפסוק] כִּי ׳כְבָר׳ רָצָה הָאֱלֹקִים אֶת מַעֲשֶׂיךָ, זה הַכְנָסַת יִשְׂרָאֵל לָאָרֶץ.

קכג

וואָרן דאָ שטייט אַזוי, טוֹבָה הָאָרֶץ מְאֹד מְאֹד, אִם חָפֵץ בָּנוּ ה׳ וגו׳ וּנְתָנָהּ לָנוּ אֶרֶץ [אֲשֶׁר הִיא] זָבַת חָלָב וּדְבָשׁ.

ער הייבט אָן צו זאָגן, ס׳איז זייער גוט. און נאָכדעם שטעלט ער אַראָפּ אַ תְּנַאי, אִם חָפֵץ בָּנוּ ה׳ וגו׳, אַךְ בַּה׳ אַל תִּמְרֹדוּ וְאַתֶּם אַל תִּירְאוּ אֶת עַם הָאָרֶץ כִּי לַחְמֵנוּ הֵם סָר צִלָּם.

קכד

ס׳איז אַ פֶּלֶא דאָ אַ ׳צי׳ רש״י[כו].

---

[כג] וז״ל רבינו בויואל משה (ב, קי): ולדעת חכמי האמת מה שאמרו בגמרא כדי שיתוספו עליהם גרים, הכוונה גם על הנשמות הנטמעין, כמו שכתב האר״י ז״ל, שגם אלו נקראים גרים. וגם נשמות הגרים המה מהנשמות שנדחו מישראל ונטמעין בהם כנודע, והכל אחד הוא. [וע״ע שם מה שהאריך רבינו בכל ענין דלעיל. ועיין עוד שם (א, יט)].

[כד] השלמנו בדרך אפשר, כי רבינו לא סיים הענין.

[כה] ועיין עוד בס״ג בהעלותך תש״כ, מה שהאריך רבינו בשבוע שלפניו, בביאור זה הפסוק.

[כו] היינו הוספה שהוסיף רש״י על לשון הפסוק.

KolSatmar.com

אין פסוק שטייט וְאַתֶּם אַל תִּירְאוּ אֶת עַם הָאָרֶץ, עטס זאָלטס ענק נישט פאַרכטן צו גיין קיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, מ'זאָל זיך נישט פאַרכטן. הייבט ער אָן קודם אַךְ בַּה' אַל תִּמְרֹדוּ, וְאַתֶּם אַל תִּירְאוּ אֶת עַם הָאָרֶץ.

שטייט דאָ צוויי זאַכן שטייען אין פסוק, בַּה' אַל תִּמְרֹדוּ, און ס'שטייט וְאַתֶּם אַל תִּירְאוּ אֶת עַם הָאָרֶץ כִּי לַחְמֵנוּ הֵם.

זאָגט רש"י צי[כז] איין וואָרט צו דעם, בַּה' אַל תִּמְרֹדוּ. 'וּשׁוּב' אַל תִּירְאוּ אֶת עַם הָאָרֶץ, שטעלט ער צי אַ וואָרט 'וְשׁוּב'.

קכה

[ולכאורה] פאַרוואָס שטעלט ער דאָס צי, אַז די ביידע שטייען אין פסוק, וואָס האָט ער צוגעשטעלט אַ וואָרט וְשׁוּב.

קכו

ומפרש המזרחי דהכוונה שלא תאמר דשני דברים הם, אלא שהאחד נמשך
מחבירו, כלומר שאם לא תמרודו בהקב"ה, אָז שוב אין אתם צריכים לירא מעם הארץ

זאָגט דער מזרחי[כח], דער שפתי חכמים ברענגט עס[כט] [אויך], וואָרן איך העט געוואָלט מיינען [אַז] דאָס איז צוויי זאַכן, דאָס [ענין השני] קער זיך נישט אָן מיט דעם [בענין הראשון. שהכתוב אומר] בַּה' אַל תִּמְרֹדוּ, דער בורא כל עולמים האָט אָנגעזאָגט בַּה' אַל תִּמְרֹדוּ, און ער האָט זיי אָנגעזאָגט [עוד ענין כי] וְאַתֶּם אַל תִּירְאוּ אֶת עַם הָאָרֶץ.

[איבערדעם] זאָגט רש"י צי [אַז] ניין, [נאָר] דאָס איז מְקוּשָׁר איינער מיטן אַנדערן, אַז ס'איז בַּה' אַל תִּמְרֹדוּ איז 'וּשׁוּב' אַל תִּירְאוּ, 'דערנאָכדעם' זאָל מען זיך נישט פאַרכטן. זעט אויס [כי] חלילה אַז מ'זינדיגט, האָט מען זיך וואָס צו פאַרכטן. דאָס האָט רש"י דאָ באַוואָרנט מיט דעם 'וְשׁוּב', אַזוי איז בְּפֵירוּשׁ אַ נְבוּאָה, [שאם בה' אל תמרודו, איז] טאַקע טוֹבָה הָאָרֶץ מְאֹד מְאֹד, מ'זאָל זיך נישט פאַרכטן.

קכז

ומזה מוכח דיש כאן תנאי לביאת הארץ, דהוא רק כשהם נכנעים לה', ונקיים מן הארץ, ושרק באופן
זה נאמר כי טוֹבָה הָאָרֶץ מְאֹד מְאֹד. ובזה מובן היטב כוונת רש"י בהוספת מלת 'ושוב', דתנאי יש בדבר

זעט אויס [אַז] אין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מוז מען קומען אַז מ'איז נָקִי מִן הַחֵטְא, אַז מ'זינדיגט נישט, אַנדערש איז נישט גוט[ל].

[ס'איז טאַקע] טוֹבָה הָאָרֶץ מְאֹד מְאֹד, [אָבער] נאָר על תנאי אַךְ בַּה' אַל תִּמְרֹדוּ, איז דאָס אַ תְּנַאי, זייער אַ שטאַרקער תְּנַאי, אַךְ בַּה' אַל תִּמְרֹדוּ, אַ שווערער תְּנַאי.

קכח

דאָס קען זיין איבערדעם האָט ער דאָ געזאָגט [ברש"י] 'וּשׁוּב' אַל תִּירְאוּ, וואָרן חלילה אַז מ'זינדיגט, איז זייער נישט גוט דאָרטן, האָט דער בורא כל עולמים געזאָגט.

נאָר וואָס דען, ס'איז געווען [דעמאָלטס] אַ צייט [שהיו ישראל נקיים וראויים לביאת הארץ], ווען נישט די מְרַגְּלִים. ס'איז געווען אַ דּוֹר דֵּעָה, און זיי האָבן געקאָנט קומען

---

[כז] ברש"י (יד, ט): אַל תִּמְרֹדוּ. 'וּשׁוּב' וְאַתֶּם אַל תִּירְאוּ.

[כח] בפי' הרא"ם (שם): אל תמרודו 'ושוב' אל תיראו. פירוש, שני הדיבורים הללו האחד נמשך מחברו, שאם בה' אל תמרודו, שוב לא תיראו, דאם לא כן אין טעם לסמיכות שני הדיבורים הללו זה אחר זה.

[כט] בשפתי חכמים (שם): תיקן בזה, שלא תאמר שני דברים הם, אלא האחד נמשך מחבירו, כלומר שאם לא תמרודו בהקב"ה, שוב אין אתם צריכים לירא.

[ל] וכמו שהביא רבינו בזה באורך בויואל משה (ב, לו-נד קכא קכז-קלג. ועי"ש א, קי).

KolSatmar.com

נְקִיִּים מִכָּל חֵטְא, זיי הָאבְּן געקאָנט תְּשׁוּבָה טוּן. [ועל זה אמרו יהושע וכלב אַךְ בַּה' אַל תִּמְרֹדוּ, וְאַתֶּם אַל תִּירְאוּ וגו'].

אָבער לעולם איז אַזוי אָבער, [אַז] דאָס איז מְקוּשָּׁר איינס אינעם אַנדערן, [דביאת הארץ הוא רק בתנאי של הכנעה לה' ותשובה שלימה. ולזה הוסיף רש"י תיבת 'ושוב'][לא].

קכט

### ישוב קושיא ז (באופן שני)

וזה שנאמר כאן בדרשת המדרש כִּי 'כְבָר' רָצָה הָאֱלֹקִים, זו הכנסת ישראל לארץ. דבעת כניסתם לארץ, צריך שיהיו מעשיהם מרוצים 'כבר' מקודם, ושיכנסו לשם רק בהקדמת תשובה ומעשים

ממילא קען מען נאָר קומען קיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אַז מ'האָט שוין 'פריער' תְּשׁוּבָה געטון, [און] מ'איז ריין.

דאָס איז דער פְּשַׁט כִּי 'כְבָר' רָצָה הָאֱלֹקִים. ביי אַנדערע מִצְוֹת וואָס מ'טוט [מחוייב לקיימו בכל אופן, ואפילו לרשע ובעל עבירה, וסגי במה שיעשה אחר כך תשובה, וגם שוב יעלה את המצוה. וכן אמרו בזה דלעולם יעשה אפילו שלא לשמה, וזה יועיל לו לבא לידי לשמה. מה שאין כן במצוה זו של ישוב ארץ ישראל, דצריך לשוב ולתקן נפשו מקודם[לב], ושיהיה ביאתו לשמה דייקא[לג]. ולזה אמרו כאן במדרש דמה דכתיב] 'כְּבָר' רָצָה הָאֱלֹקִים אֶת מַעֲשֶׂיךָ, זֶה הַכְנָסַת יִשְׂרָאֵל לָאָרֶץ, [ווייל] צו הַכְנָסַת יִשְׂרָאֵל לָאָרֶץ מוז זיין 'כְּבָר' רָצָה הָאֱלֹקִים אֶת מַעֲשֶׂיךָ, מוז מען האָבן מַעֲשִׂים טוֹבִים פון דערפריער, מ'מוז האָבן תְּשׁוּבָה געטון [אַז] ס'זאָל זיין בַּה' אַל תִּמְרֹדוּ, 'וְשׁוּב' און דערנאָך הערשט [איז] וְאַתֶּם אַל תִּירְאוּ.

איבערדעם שטעלט ער אַראָפּ [במדרש, אַז] ביי הַכְנָסַת יִשְׂרָאֵל לָאָרֶץ מוז זיין 'כְּבָר' רָצָה הָאֱלֹקִים אֶת מַעֲשֶׂיךָ, איז דאָס הָא בְּהָא תַּלְיָא.

קל

## ברכת הקודש

דער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זאָל העלפן:

מ'זאָל מיר די זְכִיָּה האָבן [אַז] מ'זאָל מיר תְּשׁוּבָה טוּן, תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה.

מ'זאָל דָבוּק זיין אין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, וּבְתוֹרָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה.

מ'זאָל מיר בִּמְהֵרָה זוֹכֶה זיין צו זען ווען אידן ווערן געהאָלפן ווערן ביי די גְאוּלָה שְׁלֵימָה, בְּקִבּוּץ כָּל נִדְחֵי יִשְׂרָאֵל 'בִּמְקוֹם הַקּוֹדֶשׁ'.

מ'זאָל מיר זען ווען ס'וועט דערהויבן ווערן קְדוּשַּׁת יִשְׂרָאֵל, און קְדוּשַּׁת 'הָאָרֶץ'.

מ'זאָל מיר זוֹכֶה זיין בִּמְהֵרָה, צו זען בִּישׁוּעַת כָּל יִשְׂרָאֵל וְשִׂמְחָתָן, בְּהִתְרוֹמְמוּת קֶרֶן הַתּוֹרָה וְיִשְׂרָאֵל, וּבְהִתְגַּלּוּת כְּבוֹד שָׁמַיִם עָלֵינוּ, בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

---

[לא] וז"ל רבינו בזה בויואל משה (ב, קלג. סעיף ז): ובלאו הכי בעיקר ענין הישיבה בארץ ישראל, כבר נתבאר שהכל הוא בזה לפי מה שהוא אדם, ואנחנו לא נדע תכונת נפשו של השואל. והכתוב אומר טוֹבָה הָאָרֶץ מְאֹד מְאֹד אַךְ בַּה' אַל תִּמְרֹדוּ, ורצה לומר שזה ודאי שטובה הארץ מאוד, אך תנאי יש בדבר אם בה' אל תמרודו, כי להחוטא שמה אינו כן. כעין לשון הרשב"ם בפרשת עקב (יא, י) על הכתוב כִּי הָאָרֶץ אֲשֶׁר אַתָּה בָא שָׁמָּה לְרִשְׁתָּהּ וגו', וז"ל שם, כי הארץ הזאת טובה מכל הארצות לשומרי מצותיו, ורעה מכל הארצות ללא שומרם. אשר על כן לא נוכל לידע מטמנותיו של חבירו הטובה היא אם רעה ח"ו. וכבר הבאתי דעת גדולים וקדושים שחייבו לצאת מן הארץ מי שעלול לחטוא ח"ו. והעיקר הוא שגם מצד ההלכה אין בידינו להחמיר בכהאי גוונא.

[לב] כמו שהאריך רבינו בויואל משה (ב, לח-נד), בביאור חילוק זה שבין מצוה זו לשאר המצות, דבשאר מצות מחויב לעשותו בכל אופן, ואף שכל זמן שלא שב בתשובה אינו מרוצה, מ"מ כשישוב אח"כ שוב יעלה כל אלו המצות. משא"כ בישוב ארץ ישראל שיש בזה טעמא דקראי ותנאי שהוא רק לשומרי מצות. עיי"ש באורך גדול.

[לג] כמו שביאר רבינו בויואל משה (ב, קכב-קכו) בחילוק זה שבין מצוה זו לשאר המצות, עיי"ש. [ויש לציין כי באותן הימים עסק רבינו בגמר סיום כתיבת מאמר ישוב ארץ ישראל, וכמו שכתבו בספרו שסיים זה בעש"ק קרח תש"כ].

KolSatmar.com